יו"ל ע"י
**תלמוד תורה באיאן**
תפארת מרדכי שלמה
בנשיאות
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# אמונה און בטחון

בעזהשי"ת | יום טוב פסח תשפ"ד | גליון קס"ב

## דברי תורה ענינים וסיפורים על אמונה בטחון והשגחה פרטית

### דברי אמונה

**<u>יום טוב פסח "חג האמונה"</u>**

**דער שפת אמת ברענגט אין נאמען פונעם חידושי הרי"ם זצ"ל, אויף די ווערטער פונעם בעל ההגדה, "וירעו אותנו המצרים כמה שנאמר" וכו', "ויענונו כמה שנאמר", פארוואס זאגט דער בעל הגדה יעדעס מאל די ווערטער כמה שנאמר"? דער פסוק זאגט דאך אונז גארנישט מער ווי דער בעל הגדה זאגט?**

**ענטפערט דער חידושי הרי"ם זי"ע, אז דער בעל הגדה האט געוואלט מרמז זיין, אז יעדער צער און עגמת נפש וואס דער מענטש האט, איז עס "כמה שנאמר" ווי דער אויבערשטער האט באפוילן אין הימל אז אזוי זאל פאסירן מיט'ן מענטש, און אלעס איז מיט א מאס און א וואג. דער מענטש באקומט נישט אפילו א קליינעם צער מער ווי עס איז איהם פארשריבן געווארן פון הימל.**

**לויט דעם קען מען זאגן א כוונה אין דעם וואס מיר זאגן ווייטער אין די הגדה "ונצעק אל ה' אלוקי אבותינו, כמה שנאמר, ותעל שועתם אל האלקים", אז אויב עס איז ח"ו נגזר געווארן אויפ'ן מענטש א צרה רח"ל, קען ער בטל מאכן דעם גזר דין דורך מתפלל זיין צום אויבערשטען. אויף דעם זאגן מיר "ונצעק", אויב ער וועט שרייען שטארק צו דעם אויבערשטען, וועט ביי איהם מקוים ווערן "כמה שנאמר ותעל שועתם אל האלקים", אז דער אויבערשטער וועט זאגן אז פון יעצט און ווייטער, זאל שוין זיין נאר גוט פאר'ן מענטש.**

**דער מהר"ל ז"ל זאגט אויפ'ן פסוק "בבית אחד יאכל, ועצם לא תשברו בו", מען דארף עסן דעם קרבן פסח אין איין הויז, און מען טאר נישט צוברעכן א ביין פונעם קרבן פסח. וואס איז דער ענין פון עסן דעם קרבן פסח אין איין הויז, און אז די ביינער דארפן זיין גאנץ?**

**זאגט דער מהר"ל, דער גאנצער ענין פון קרבן פסח איז דאך געווען איינצואווארצלען אין אונזערע הערצער אמונה אין הייליגן באשעפער, וואס דאס איז דער תכלית פון סיפור יציאת מצרים, צו דערמאנען די נסים וואס דער אויבערשטער האט געטוהן מיט אונז.**

**דעריבער איז געווען דער ציווי ביים קרבן פסח, צו עסן דעם קרבן פסח, "בבית אחד" אין איין הויז, כדי אונז צו לערנען, אז עס איז נישט דא אויף דער וועלט נאר "אחד" איין באשעפער, אחד יחיד ומיוחד ב"ה, און דערפאר טאר מען נישט צוברעכן א ביין פון קרבן פסח אויף צווי טיילן, ווייל אויב מען צוברעכט דעם ביין, ווערט דאך "צוויי" דערפון, און דער לימוד פון קרבן פסח איז אז עס איז דא נאר איין באשעפער.**

**עס שטייט אין תפארת שלמה, אויף דעם וואס מיר מאכן הסיבה ביי "כורך", ווען מען וויקעלט אריין די מרור אין די מצה, כאטש ביים עסן מרור לאנט מען זיך נישט אן. איז פארוואס מאכט מען ביי כורך יא הסיבה, מען עסט דאך מרור?**

**ענטפערט דער תפארת שלמה, אז וויבאלד מצה ברענגט אמונה, ווי דער זוהר הקדוש רופט עס אן "מיכלא דמהימנותא", אז מען לייגט אריין "מצה" (אמונה) אינעם "מרור", ווערט דער מרור זיס, און ממילא קען מען שוין מאכן הסיבה, אז מען ווייסט אין יעדן מצב איז אז אלעס איז פונעם אויבערששטען, איז עס אויס מרור!**

דער חיד"א זצ"ל האט געהייסן דערציילן א מורא'דיגע מעשה יעדעס יאר אין דער סדר נאכט, ווי פאלגענד: א פרוי וואס עס איז אריין אין איר א דיבוק רח"ל איז געברענגט געווארן צום אריז"ל ער זאל ארויסנעמען פון איר דעם דיבוק.

האט דער אריז"ל געשיקט הגה"ק רבי חיים וויטאל זצ"ל, ער זאל טרעפן א תיקון פאר דער נשמה פון דעם דיבוק. ווען רבי חיים וויטאל איז געקומען צו די פרוי, האט זי באלד אויסגעדרייט איר פנים, זאגענדיג אז א רשע קען נישט קוקן אויפ'ן פנים פון א צדיק.

ווען רבי חיים וויטאל האט געפרעגט די נשמה ווי אזוי זי האט באוויזן זיך אריינצובאקומען אין די פרוי, האט די נשמה געענטפערט, אז זי האט אמאהל גענומען צוויי שטיינער און עס געריבן איינער אויפ'ן צווייטן, כדי עס זאל ארויסקומען דערפון פייער. די שטיינער זענען אבער אראפגעפאלן פון אירע הענט, וואס האט איר אריינגעברענגט אין א גרויסן צארן, און זי האט אויף זיך אליין ארויסגעלאזט פון מויל א קללה רח"ל אז זי זאל גיין צו אלע רוחות. אין יענע מינוט האט די פארוואגלטע נשמה באוויזן זיך אריינצוכאפן אין דער פרוי רח"ל.

אויף די פארוואונדערונג פון רבי חיים וויטאל ז"ל פארוואס די פרוי איז אזוי ביטער געשטראפט געווארן בלויז פאר דעם וואס זי איז איינמאהל נכשל געווארן אין די עבירה פון כעס, האט דער רוח פון די נשמה געענטפערט, אז זיכער איז דאס נישט געווען די סיבה פון איר שטראף, נאר דער שטן איז מקטרג בשעת הכעס רח"ל און דערפאר האט די נשמה באוויזן זיך אנצוטשעפען אין דער פרוי.

די הויפט סיבה פאר אירע יסורים איז אבער דערפאר ווייל זי איז נישט "תוכה כברה". אין דער נאכט פון פסח, ווען אלע ארומיגע האבן דערציילט און אויסגעהערט דעם סיפור יציאת מצרים, איז זי געווען מסופק אין דער אמונה, און פאר דעם איז אויך איר נגזר געווארן אט די הארבע שטראף רח"ל.

די פרוי האט אויסגעבראכן אין א געוויין, און גענומען זיך מתוודה זיין אויף די אפיקורס'ישע געדאנקען וואס עגבערן אין איר מח. זי האט געבעטן אז זי וויל תשובה טוהן פון יעצט און ווייטער, און זיך דערנענטערן צום באשעפער, זי זעהט יעצט איין אז עס איז דא א באשעפער, וואס טוט אלעס און איז משגיח אויף אלדונג.

אין יענע מינוט האט רבי חיים וויטאל געפרעגט די פרוי, אויב זי גלייבט באמת אין סיפור יציאת מצרים. ווען זי האט געענטפערט אז יא, איז די נשמה פון דעם דיבוק באלד ארויס פון דער פרוי, און פון דאן אן האט זי געהאט מנוחה.

הגהות והערות, און פערזענליכע השגחה פרטית מעשיות קען מען שיקן צו israeld113@gmail.com אדער רופן 718-435-6060 #208 און לאזן א מעסעטש

## גארנישט גייט נישט לאיבוד

ראבערט טענקל א גרויסע עושר פון ווייס״ט פלעינ״ס נוי יארק זיצט אויף א הויכע באקוועמע בענקל ביי זיך אין אפיס, און זיין הערליכע אפיס טיש איז אנגעפילט מיט פארשידענע אלטע אנטיקן, ראבערט זיצט איינגעבויגן מיט א פארגרעסערונגס גלאז און קוקט איבער יעדע שטיקל אנטיק און זוכט וואס איז ווערד פאר אים צו קויפן, קעגן איבער אים זיצט א אידישער אנטיק מעקלער ר׳ יצחק נעמס א ווארימער חב״ד׳סקער חסיד און פרובירט אים איבערצורעדן וועלכע זאכן צו קויפן.

נאך א גוטע פאר שעה וואס ראבערט האט געגנישטערט און איבערגעקוקט אלע אנטיקס רופט זיך ראבערט אן צו ר׳ יצחק: איי עם סארי איך מיין אז דו טרייבסט איבער מיט די ווערד פון די אנטיקן, דיינע פרייזן זענען זייער געשוואלן און איך האלט נישט אז עס איז ווערד צו באצאלן אזויפיל געלט פאר דיינע סחורה.

ר׳ יצחק איז געווען דורכגעווייקט מיט אמונה דעריבער האט ער געגעבן א שמייכל און ער האט געגלייבט אז ער האט געטוהן זיין השתדלות און עס איז פשוט נישט געווען יעצט באשערט פון הימל צו שליסן א געשעפט, ער פאקט אזוי צאם אלע זיינע אנטיקס און ער טראכט צו זיך, יעדע זאך ווערט דאך געפירט ב׳השגחה פרטיות׳ און אויב איז מיר ׳מן השמים׳ אויסגעקומען צו זיין דא איז עס זיכער נישט פאר גארנישט, און אז איך האב נישט געקענט שליסן א געלט געשעפט מיט ראבערט אפשר קען איך שליסן מיט אים עפעס א רוחניות׳דיגער געשעפט.

דער ראבערט איז נעבעך געווען א ׳תינוק שנשבה׳ א פרייער איד, און ר 'יצחק האט אנגעהויבן רעדן צו אים איבער אידישקייט און אמונה, אבער ראבערט האט גלייך קלאר געמאכט אז ער איז נישט קיין גלייביגער און איז זייער ווייט פון אידישקייט, אבער ר׳ יצחק האט פרובירט צו רעדן פון הארץ מיט די האפענונג אז ער וועט קענען ערוועקן עפעס א אידישע פינק אין זיין קאלטע שטיינערנע הארץ אבער ראבערט זאגט אים אפן און קלאר: הער מיך צו! איך בין נישט אינטערסירט צו ווערן א בעל תשובה און קריך אראפ פון מיר.

ר׳ יצחק האט אבער נישט געוואלט אזוי שנעל אויפגעבן, און ער האט געזאגט פאר ראבערט אז ער דארף נישט ווערן קיין בעל תשובה נאר אפשר זאל ער כאטש אנהייבן צו עסן כשר׳ס, אבער ראבערט איז געווען א הארטער ניס און צוריקגעענטפערט פאר יצחק: מיין ווייב וועט קיינמאל נישט מסכים זיין דערצו, זי וועט נישט וועלן איבערדרייען מיין גאנצע קאך לאז מיר געמאך און פערטיג, א דאנק פארן פראבירן אבער דאס איז נישט אינטערסאנט פאר מיר.

ר׳ יצחק איז בכלל נישט געווארן צובראכן ווייל ער האט געוואוסט אז גארנישט גייט נישט לאיבוד, עס איז מיר טאקע נישט געלונגען יעצט, אבער יעדעס ווארט האט זיכער געהאט אן השפעה, און אפילו אויב מען זעהט עס נישט יעצט אויפן פלאץ, דאך וועט עס זיכער איין טאג אויפטוהן עפעס לטובה. ר׳ יצחק באגריסט זיך העפליך, ער דערלאנגט ראבערט זיין האנט און ערגעזעגנט זיך פון אים.

א שטיק צייט שפעטער האט ר׳ יצחק געהערט איבער א שרעקליכער טראגעדיע וואס האט באטראפן די טענקל פאמיליע, ראבערט מיט זיין פרוי זענען געווען פארמישט אין א שווערע עקסידענט, און ליידער איז ראבערט׳ס פרוי נעבעך אומגעקומען אויפן וועג צום שפיטאל, און ראבערט אליין איז אויך שווער געשעדיגט געווארן, אבער מיט ניסי ניסים איז ער יא געבליבן לעבן, ר׳ יצחק האט באשלאסן אז ער גייט אריבער פארן צו טרייסטן ראבערט און אים מחזק זיין.

ר׳ יצחק האט טאקע אין די פאלגענדע וואכן עטליכע מאל באזוכט ביי ראבערט, און מיט די צייט געבויט מיט אים א שטארקן קשר און געווארן זייער נאנט מיט אים. ביי איינע פון ר׳ יצחק׳ס באזוכונגען איז ווידער אויפגעקומען די שמועס איבער אידישקייט און כשרות, אבער ראבערט האט גלייך געענטפערט פאר ר׳ יצחק: ווי אזוי וועל איך עס קענען טוהן ?יעצט אז מיין ווייב לעבט שוין נישט ווער וועט בכלל קאכן פאר מיר? ר׳ יצחק האט דאן פארגעשלאגן פאר ראבערט א זאך וואס ראבערט האט נישט געקענט אפזאגן: איך וועל איינקויפן פאר דיר יעדע וואך אין א כשר׳ע ׳טעיק אוט׳ געשעפט גרייטע פארפרוירענע מאלצייטן שיין איינגעפאקט און דו וועסט יעדן טאג אנווארימען אין א מייקרעוועי״וו איין כשר׳ע מאלצייט.

ראבערט האט זיך פראבירט ארויסצודרייען און געזאגט אז עס פעלט נישט אויס די מוטשעניש, אבער ר׳ יצחק האט געטענה׳ט אז ער טוט עס בתשואות חן, ראבערט האט דאך נישט געוואוסט אז ער האט דא צוטוהן מיט א חבד׳סקער חסיד וואס קירוב ביי זיי איז קיינמאל נישט קיין טרחה... און זעהנדיג אז ר׳ יצחק וויל אזוי שטארק, האט ער געזאגט :מסכים! זיי ביידע האבן זיך געגעבן די הענט און זיך געווינטשן כאילו זיי וואלטן יעצט געשלאסן א ערנסטע דיעל.

ר׳ יצחק איז געווען גליקליך אז ער האט גע׳פועל׳ט ביי דעם פרייען ראבערט צו עסן כשר׳ס, ער האט אבער אויך גאנץ גוט געוואוסט אז עס וועט נישט זיין אזוי גרינג צו ברענגן די כשר׳ע פעקלעך פאר ראבערט, ווייל דעמאלטס איז נאך נישט געווען קיין סאך געשעפטן וואס האבן פארקויפט פארפרוירענע עסן, אבער נאכן זיך אינטערסירן פאר א קורצע צייט האט ר׳ יצחק ענדליך געטראפן א געשעפט אין די בראנקס ־ וואס איז געווען היפש ווייט פון זיין הויז אין קראונהייטס ־ וואס זיי האבן יא פארקויפט פארפרוירענע עסן, ווען ר׳ יצחק האט זיך פארבינדען מיט זיי האט ער אויסגעפונען אז די פרייז פאר די סארט מאלצייטן זענען בכלל נישט ביליג, אבער ר׳ יצחק האט געהאלטן אז אלעס איז כדי, אבי אז ראבערט זאל קענען עסן כשר׳ס.

פון יענע וואך און ווייטער האט ר׳ יצחק יעדן דענערשטאג גענומען די טרעין און אראפ געפארן צו יענע געשעפט אין די בראנקס און איינגעקויפט צו עסן פאר א גאנצע וואך, און פון דארט האט ער גענומען די טרעין קיין ווייט פלעינס צו ראבערט׳ן אינדערהיים און דעליווערט די כשר׳ע עסן פאר ראבערט און די הענט אריין, דער שפיל האט אזוי אנגעהאלטן פאר א תקופה פון א יאר און א האלב, און די גאנצע זאך האט אים אפגעקאסט א גוטע פיר ביז פינף שעה יעדע איינציגע וואך, די גאנצע מעשה איז אים ווייט נישט אנגעקומען גרינג, סיי דאס אויסמוטשען זיך אויף די לאנגע וועגן מיט׳ן טרעי״ן שלעפענדיג זיך אין די שווערע רעגנ׳ס, די שטארקע שנייען, די ברענענדיגע היצן, ווי אויך האט דאס אים אפגעקאסט א פעטע אפוטיקי פון וואס ער האט באצאלט פון זיין אייגן טאש, אבער יעדע וואך פון פריש האט ר׳ יצחק געפילט אז ער טוט א געוואלדיגע מצוה און זיך געהאלטן שטארק דערמיט.

איין וואך ווען ר׳ יצחק איז געקומען איבערגעבן פאר ראבערט די וועכנטליכע פעקל, רופט זיך ראבערט אן פאר ר׳ יצחק: הער מיך צו, איך שעץ זייער שטארק דיין הארעוואניע וואס דו טוסט, איך זעה ווי דו מיינסט עס שטארק אמת׳דיג, אבער איך בין זיכער אז עס נישט גרינג פאר דיר, האב איך געקלערט דיך צו זאגן אז אפשר הערסטו שוין אויף מיר ברענגן צו עסן? פאר ר׳ יצחק זענען די ווערטער זייער נישט געפאלן, ער האט דאך דא געהאט אן אגענדע, זיין פלאן א גאנצע צייט איז דאך געוועהן אז דורך די כשר׳ע עסן וועט ער סוף כל סוף מקרב זיין ראבערט לאביו שבשמים, דעריבער האט ער געענטפערט מיט א שמייכל: נעה.. עס איז בכלל נישט שווער פאר מיר, פארקערט! עס איז די גרעסטע הנאה וואס איך האב.

אבער ראבערט האט זיך צוריק געטענה'ט... און אזוי צווישן זיינע ווערטער האט ראבערט זיך פאררעדט זאגנדיג אז ער האט בכלל נישט ליב די סארט עסן, ס'איז צו שטארק געזאלצן און ס'איז פעט, ר' יצחק געבט גלייך א זאג: מיסטער ראבערט! פארוואס האסטו מיר קיינמאל נישט געזאגט אז די עסן זענען געזאלצן? איך וואלט דיר געקויפט אנדערע עסן וואס זענען ווייניגער געזאלצן, פארוואס דארפסטו ליידן? ראבערט ענטפערט צוריק : כ'וועל דיר זאגן די ריינע אמת, איך האב קיינמאל נישט געליטן פון די עסן, ווייל איך האב עס פשוט נישט געגעסן... ראבערט האט זיך גלייך געכאפט וואס ער האט געזאגט, און ער האט געוואלט צוריק ציהען פון די ווערטער אבער עס איז שוין געווען צו שפעט.

איז וואס האסטו געטוהן יעדע וואך מיט די עסן? פרעגט אים ר' יצחק, און די ענטפער פון ראבערט האט אים נאך מער צוקלאפט און געשטאכן, מיט א רואיגקייט זאגט ראבערט צו ר' יצחק: יעדע נאכט נעם איך ארויס איין פארציע, איך ווארעם עס אן אין די מייקרעוועיוו, און... איך געב עס פאר מיין הונט צו עסן ... ר' יצחק האט געמיינט ער פלאצט... נאך א גאנצע יאר און א האלב פון אויסגעבן אסאך געלט, נאך גאנצע אכצן חדשים פון די לאנגע וועגן און טירחות, געפונט ער אויס אז דאס אלעס האט ער געטוהן פאר נישט מער און נישט ווייניגער נאר פאר א פשוטע הינט... א שמאטע איז א משל צו ווי אזוי ר' יצחק האט דעמאלטס געפילט! אויף אזא פראסק האט ער זיך נישט גערישט... מיט ביטערניש טראכט ער צו זיך: וויאזוי קען זיין אז נאך אזוי סאך שווערע ארבעט און פלאגענישן איז מיין גאנצע הארוואניע געגאנגען פאר גארנישט, און אזוי צובראכנערהייט איז ער צוריק אהיים געפארן.

עס זענען דורך כמעט צוויי יאר פון יענע מעשה, און צו ר' יצחק'ן אין שטוב אין קראונהייטס, ווי עס פלעגן שטענדיג קומען געסט אויף שבת, איז געקומען א גאסט אויף שבת א יונגער סטודענט פון פענסלוועניע וואס איז נעבעך געווען זייער ווייט פון אידישקייט און האט געוואלט וויילן אויף שבת אין א אידישער הויז און זיך באקענען פון דער נאנט וויאזוי א שבת קוקט אויס.

ר' יצחק האט ווארעם אויפגענומען זיין יונגע גאסט און ער האט אים זייער שטארק מקרב געווען, עטליכע מינוט פארן זמן שבת האט ר' יצחק'ס פרוי ארויסגעברענגט פאר דעם סטודענט א פארציע עסן און געזאגט: זיי טועם פון די הייליגע מאכלי שבת, טועמיה חיים זכו... דער סטודענט האט גלייך אוועק געשטופט דעם טעלער און זיך אנגערופן מיט א קאלטקייט: איך בין געקומען דא איינשטיין אבער נישט צו ווערן א בעל תשובה.

אבער ר' יצחק'ס פרוי האט זיך נישט דערשראקן נאר זיך אנגערופן צו אים מיט א שמייכל: דער טעלער האט נישט קיין שום שטריק וואס פארבינדט עס מיט אידישקייט!... דער סטודענט האט זיך אויך צושמייכלט און דער אטמספער איז געווארן אביסל ווארימער, און ער האט אנגעהויבן פארציילן זיין היסטאריע און פון וואו ער קומט, אינמיטן רופט ער זיך אן:

די סיבה פארוואס איך האב באשלאסן צו קומען באזוכן קראון הייטס איז, ווייל איך האב א זיידע וואס וואוינט אין ווייט פלעינס וואס האט מיך פארציילט איבער א איד פון קראון הייסט וואס האט זיך אנגעשטרענגט יעדע איינציגע וואך און געקומען צו פארן מיט טרעינס פון קראונהייטס ביז ווייט פלעינס אים צו ברענגען כשר'ע עסן, און ער האט עס געווארפן פאר די הונט ...

דער סטודענט פארציילט ווייטער: ווען איך האב געהערט די מעשה פון מיין זיידע האב איך באשלאסן אז איך מוז קומען באזוכן דעם געגענט און זיך באקענען מיט די דאזיגע מענטשען פון דער נאנט, זי געבט אים א האק איבער און פרעגט אים: זאג! איז דיין זיידע'ס נאמען אפשר ראבערט טענקל? דער סטודענט געבט א שפרינג אויף און געבט אידהר א פרעג מיט וואונדער: פון וואו ווייסטו?

גאנץ פשוט! ־ ענטפערט זי ־ ווייל דער מענטש וואס האט געברענגט פאר דיין זיידע צו עסן איז מיין מאן יצחק... דער סטודענט איז געווארן אינגאנצן איבערגענומען זעהנדיג אז דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז ער זאל אנקומען צו די ריכטיגע מענטש וואס צוליב אים האט ער זיך אינטערסירט אין די אידישע לעבן'ס שטייגער.

פארשטייט זיך אליין אז דער שבת איז שוין געווען עפעס גאר דערהויבן, פאר דער יונגער סטודענט איז עס געווען א 'יום שבתון אין לשכוח' ער האט ווארים פארברענגט מיט די נעמס משפחה, און ער איז געווארן זייער נאנט מיט זיי ....און יא! ער איז געווארן א חוזר בתשובה וואס איז א מדקדק בקלה כבחמורה און פארשטייט זיך אויף מאכלי כשרות...

זעהנדיג ווי דער אינגער סטודענט איז געווארן א חשוב'ער שומר תורה ומצוות, האט זיך ר' יצחק דערמאנט ווי צובראכען ער איז געווען ווען ראבערט האט געווארפן זיינע כשר'ע עסן צו די הונט, אבער ר' יצחק האט זיך איבערצייגט אז קיין שום ארבעט גייט נישט לאיבוד און גארנישט איז נישט אומזיסט.!

## געוועזן ביי די שבעה און ביי די שלושים

דער מגיד מישרים הרב מרדכי מלאכי דערציילט מעשה שהיה כך היה: אמאל גיי איך אין גאס און כ'זעה ווי עס הענגט א ניחום אבלים מודעה. אין די צעטל שטייט אז עס זיצט דא א איד וואס זיין טאטע איז אוועק פון די וועלט. דער צעטל לייגט צו אז דער איד זיצט דא שבעה. איך האב געטראכט צו מיר, ווער ווייסט וויפיל אידן קומען אהער מנחם אבל זיין? בין איך ארייגעגאנגען.

איך קום אן אינעווייניג אין שטוב. עס איז געווען ליידיג. דער איד איז דארט געזעצן אליינס און זעענדיג אז איינער איז אריינגעקומען האט ער זיך זייער געפריידט און אנגעהויבן שמועסן מיט מיר.

דער איד האט דערציילט איבער זיין טאטע וואס איז יעצט נפטר געווארן און גערעדט איבער זיין צדקות און חשיבות. דער שמועס האט זיך פארצויגן זייער לאנג און ביים ענדע איז שוין געווארן שפעט און איך האב שוין געמוזט אוועקגיין.

איך האב כמעט פארגעסן פון די מעשה. עטליכע וואכן שפעטער בין איך געווען אין בארא פארק. דארטן האב איך געדארפט געבן א דרשה אין איינער פון די שולן. נאך די דרשה קומט א איד צו מיר און זאגט מיר אז עס איז דא א פרוי וואס מאכט א שלושים סעודה פאר איר טאטע.

דער איד זאגט מיר אז די פרוי איז זייער צובראכן פון די פטירה פון איר פאטער און ער פרעגט מיר צי איך קען איר קומען טרייסטן און געבן א גוטע דרשה.

דער איד האט מיר גענומען מיט זיין קאר און אזוי אונטערוועגנס פרעג איך דעם איד ווער דער נפטר איז און וואס קען מען רעדן איבער אים. דער איד האט אנגעהויבן צו דערציילן איבער דער איד און עס גייט נישט אריבער אפאר מינוט און כ'כאפ זיך אז מען רעדט פון דער זעלבער איד וועמענס זון איך האב מנחם אבל געווען מיט עטליכע וואכן צוריק אין ירושלים.

איך בין אריינגעקומען צו די שלושים סעודה און אנגעהויבן רעדן פון דעם נפטר ווי א זקן ורגיל. איך האב דערציילט ווען דער איד פלעגט אויפשטיין יעדן טאג און וואס זיינע מעשים טובים זענען געווען.

די משתתפים האבן נישט געקענט פארשטיין פון וואו קען איך אזוי גוט דער נפטר אבער איך האב זיך געלערנט פון דעם א לימוד אז השי"ת שיקט אייביג אריין פאר א איד וואס ער דארף זאגן און וויאזוי ער קען טרייסטן אנדערע אידן.

## לעבן מיט בטחון

דער בילד ווי אזוי עס זעט אויס דער אידישער שטוב ערב פסח דארף מען נישט פארשטעלן. מען קראצט, מען רייבט, מען רייניגט, מען ליידיגט אויס יעדער ווינקל פון חמץ און ביי אנדערע איז עס דער איינקויפן און די האנדלעריי פאר פסח. מען טוט אלעס לכבוד דער יום פסח.

אבער אז מען לערנט די ווערטער פון דעם ספר חובת הלבבות אין שער הבטחון פרק שלישי טרעפט מען זיך דארט מיט א טיפערער דערהער וואס א איד קען מיטנעמען מיט זיך און עס נוצן סיי ווען ער איז עוסק אין די הכנה פאר יום טוב און בכללות ווען ער איז עוסק אין זיין טאג טעגליכע באשעפטיגונג.

דער חובת הלבבות רעדט ארום איבער די טירדות און די מיטלען וואס מ'האט געפירט פון אויבן אז דער מענטש זאל עוסק זיין אין דעם. דער חובת הלבבות זאגט דערביי די ווערטער 'ויכוון בטירדות לבו וגופו בסיבה מן הסיבות לעמוד במצוות הבורא שצוה להתעסק בסיבות העולם.

אין די ווערטער פון דעם חובת הלבבות איז דא א הדרכה פאר דעם איד ווען ער איז עוסק אין זיינע גשמיות'דיגע באשעפטיגונגען. דער חובת הלבבות וויל אז ווען דער מענטש באשעפטיגט זיך מיט זיינע באשעפטיגונגען ווי ער קויפט איין, אדער ער שלעפט זאכן, זאל ער געדענקען אז ער איז מקיים דערמיט א מצוה. דער מענטש זאל געדענקען אז זיין באשעפטיגונג איז נישט קיין צופאל. פון הימל האט מען עקסטער אזוי געפירט און דאס וויל מען פון אים און אויב וועט ער דאס געדענקען וועט ער מיט דעם מקיים זיין א מצוה, און ווי דער פסוק איז מעיד אויף איינעם - יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך - ווען א מענטש איז א נהנה פון זיין יגיע כפו איז וואויל און גוט פאר אים.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דער פסוק זעט מען א שטארקער זאך. ווען דער פסוק רעדט פון א ירא שמים זאגט ער אשרי איש ירא את השם אבער דער וואס איז מקיים דער יגיע כפיך אויף אים ווערט געזאגט דער אשריך וטוב לך. עס קען זיין אז א איד זאל זיצן א גאנצער טאג אין שול און זיין א ירא השם אבער דער וואס איז עוסק באמונה אין יגיע כפיים איז זוכה צו די ברכה פון אשריך וטוב לך.

ווען מען נעמט אריין אין זיך די נקודה און מען לעבט מיט דעם טוישט זיך דער לעבן מקצה אל הקצה. אלע טעכנישע זאכן וואס מען האט געטון ביז היינט וועלכע האבן ביז היינט אויסגעזען טעכניש ווערן איבערגעדרייט אויף עבודת השם. עס איז אזוי א גאנץ יאר און עס איז אזוי ערב פסח ביים אנגרייטן די שטוב און עס אויסרייניגן לכבוד פסח.

דער חובת הלבבות לייגט צו א שטארקע נקודה און ער זאגט "בין שיוגמר לו חפצו, בין שלא יוגמר לו חפצו" סיי אויב דער זאך וואס ער האט אנגעהויבן אויסצופירן האט מצליח געווען און סיי אויב עס האט נישט מצליח געווען. עס מאכט זיך אסאך מאל אז א מענטש ארבעט אריין אין א זאך אבער עס לאזט זיך אויס מיט גארנישט. ביי דער מענטש זעט אויס אז ער האט געארבעט אומזינסט אבער אויב ער לעבט און געדענקט אז דאס איז געווען איז געווען דער רצון השם, וועט ער באקומען דערפאר שכר.

דער הייליגער אמורא אין פרק ערבי פסחים [קי"ג] זאגט אז דריי מענטשן האט השי"ת ליב און רעכענט אויס אז איינער פון די דריי איז ווער עס ווערט נישט אין כעס. רב אשי זאגט די מימרא אין פרק ערבי פסחים ווייל ער וויל אז מען זאל עס געדענקען אין די פארנומענע ערב פסח טעג אז מען זאל נישט ווערן אין כעס, אויך ווען זאכן גייען נישט ווי אזוי עס וויל זיך גיין.

עס געשעט אז א איד לייגט אריין שעה'ן הארוואניע אין אנגרייטן געפילטע פיש פאר פסח און נאכ'ן עס אנגרייטן לייגט ער עס אריין אין פרידזשידער אבער עס שטעלט זיך ארויס אז דער פרידזשער איז צובראכן. ער האט נישט קיין ברירה און ער דארף עס אריינווארפן אין מיסט אז די קעץ פון די גאס זאלן זיך קענען זעטיגן מיט א פיינע סעודה, נארמאל וואלט ער גערארפט באוויינען די געלט און די שעה'ן אבער אויב ער ווייסט ער אז דאס האט השי"ת געוואלט וועט ער ענדע באקומען שכר דערויף לעתיד ווייל דאס האט השי"ת געוואלט. און אז די פיש איז גוט און דער פרידזשידער איז נישט צובראכן דארף מען זיכער דאנקען השי"ת אויף די גרויסע חסדים. זאל מען זוכה זיין צו א פסח פול מיט אמונה און בטחון.

דער גאון ר' חיים קניבסקי זצ"ל אין זיין ספר אורחות יושר באטאנט דער גאון אז די נסיון פון השגחה פרטית איז א נייער נסיון און אז אין די פריערדיגע דורות איז נישט געווען אזא נסיון. ער זאגט אז דער טעם דערצו איז אז אין יענער צייט האבן אפילו די גוים געגלייבט אין השגחה פרטית און אנערקענט אז א איד וואס פירט זיך ערליך איז ממשיך שפע פאר אים און וואו ער גייט ווערט דער ארט געבענטשט.

ער ברענגט אראפ דארט א מורא'דיגער מעשה איבער דער גאון רבי אלעזר משה פון פינסק זצ"ל אז וואו ער איז געגאנגען האט ער אריינגעברענגט א ברכה אויף יענער ארט. עס איז געגאנגען אויף אזוי ווייט אז די גוים פון די געגנט פלעגן אים שטופן ער זאל טרעטן אויף זייער פעלד, ווייל זיי האבן געוואוסט אז אין א פעלד וואס דער גאון טרעט איז דער פעלד א געבענטשטער פעלד. היינט איז עס ליידער נישט דא, פארוואס? געבט דער גאון צו פארשטיין אין זיין ספר און איז מבאר בשם דער חזון איש אז היינט איז דא הסתרה, אבער, לייגט ער צו אז די היינטיגע הסתרה איז נישט אן אמת'ע הסתרה, די היינטיגע הסתרה איז נאר צו פארגרעסערן די נסיון.

דער באשעפער וויל מקרב זיין די גאולה און אזוי ווי אין מצרים איז פאר די גאולה געווען א קושי השיעבוד און א דאנק די קושי השיעבוד האט השי"ת קורצער געמאכט די גלות, איז די זעלבע אין אונזער דור, דער באשעפער מאכט גרעסער די נסיון אז מיר זאלן זיך מתגבר זיין אויף איר.

דער גאון איז מסיים בשם דער חזון איש אז מען קען עס זען אויך אין דעם היינטיגן דור און אויך איינער וואס האט נאכנישט דורכגעלערנט גאנץ בבלי און ירושלמי, זוה"ק און כתבי האר"י קען צוקומען צו דעם. מען דארף נאר איין זאך דערצו וכלשונו "אז ווער עס וויל זען - זעט און אויך היינטיגע צייטן. "מען דארף נאר וועלן זען"!

## מעלת הבטחון

צום לעצט קומט דער חלק אז דער מענטש זאל טוהן פארשידענע פעולות וואס וועט אריינברענגען די בטחון אין זיין הארץ, אזוי ווי דער ספר החינוך שרייבט "אחרי הפעולת נמשכים הלבבות" ווען א מענטש טוט פעולות למעשה, דאס ברענגט צו אז עס זאל אריינגיין אין זיין הארץ און ער זאל טאקע שפירן אזוי.

דאס האט צוויי חלקים, די ערשטע איז, אז דער מענטש זאל האלטן אין איין חזר'ן די ענינים פון בטחון, לערנען די ספרים וואס רעדן פון דעם איינמאל און נאכאמאל, ווי דאס לשון פונעם פלא יועץ אין ערך הבטחה, "הן אלה קצות דרכי מדת הבטחון", דאס איז נאר א חלק פון די וועגן אין בטחון, "וכבר בא בארוכה בספרי הקודש, כגון ספר חובות הלבבות" ווי עס ווערט שוין געברענגט באריכות אין אסאך ספרים ווי חובות הלבבות און ראשית חכמה, וואויל איז דער מענטש וואס חזר'ט זייערע ווערטער, "ואני באתי אחריהם בדרך קצרה להעיר את עצמי ואת בני גילי", און איך בין נאר געקומען אויף א קורצן אופן מעורר צו זיין מיך אליינס אין די מענטשן אין מיין מדריגה.

דאס נעמט אויך אריין, אז א מענטש זאל חזר'ן אסאך ווערטער וואס ברענגט ארויס בטחון ווי "בעזרת ה', מיט'ן באשעפער'ס הילף, אם ירצה ה', א.א.וו." אז מען זאגט תהלים איז כמעט נישט דא קיין קאפיטל וואס דוד המלך ע"ה דערמאנט נישט דעם ענין פון בטחון. מען זעהט ווי אזוי ער איז זיך מחזק אין זיין בטחון אפילו אין די שווערסטע מצבים וואס ער איז דורכגעגאנגען, און דאס אליין קען אריינברענגען די מדת הבטחון אין הארץ פון א מענטש.

אזוי אויך זענען דא פארשידענע תפילות פון צדיקים אויף דעם ענין אזוי ווי די מורא'דיגע תפילה פון הרה"ק בעל אור לשמים פון אפטא זי"ע, וואס עס איז זייער וויכטיג זיך איינצוחזר'ן, מיר וועלן אראפברענגען א חלק פון די תפילה אויף לשון הקודש און די אפטייטש דערפון.

רבון העולמים, ידעתי כי הנני בידך כחומר ביד היוצר, ואם גם אתאמץ בעצות ותחבולות, וכל יושבי תבל יעמדו לימיני להושיעני ולסמוך נפשי, מבלעדי עוזך ועזרתך אין עזרה וישועה, ואם חלילה יחפצו כולם להרע, אז אתה בחמלתך תשים עיניך עלי, ותשקוף עלי לטובה ממעון קדשך. הנה חבלים נפלו לי בנעימים וישועתי באה ועזרתי תגלה, לכן עזרני רבון העולמים להיות עיני פתוחות לראות תמיד אמיתות הדבר, ויהי תקוע וקבוע אמונתך בלבי בכל עת...

רבונו של עולם, איך ווייס אז איך בין אין דיין האנט, אזוי ווי מאטריאל אין די האנט פונעם מייסטער, (דו קענסט טוהן מיט מיר וואס דו ווילסט) און אפילו איך וועל זיך אנשטרענגען מיט עצות און מיטלען, און אפילו אלע איינוואוינער פון דער וועלט וועלן שטיין צו מיין רעכטע האנט מיר צו העלפן און אונטערלאנען, ווייס איך אז אן דיין שטארקייט און דיין הילף איז נישטא קיין הילף און ישועה. און אויב חלילה זיי אלע וועלן מיר וועלן שלעכטס טוהן, וועסטו מיט דיין גרויסע רחמנות לייגן דיין שמירה אויף מיר, און דו וועסט אראפקוקן פון אויבן אז עס זאל מיר נישט פאסירן חלילה קיין שלעכטס. איך בין זיכער אז מיין ישועה וועט קומען, און מיין הילף וועסטו מיר אנטפלעקן, וועגן דעם בעט איך דיר, העלף מיר האר פון די וועלט, אז מיינע אויגן זאלן שטענדיג זיין אפן צו זעהן די אמת'ע מציאות, און דיין אמונה זאל זיין איינגעזעצט אין מיין הארץ צו יעדע צייט.

די צווייטע חלק פון די פעולות איז, אז דער מענטש זאל פירן זיין לעבן לויט די בטחון, אזוי ווי דער בעל שומר אמונים שרייבט, אז אויב א מענטש וויל צוקומען צו די מדת הבטחון, זאל ער אנפאנגען צו געבן אסאך געלט פאר צדקה. ווייל "קמצנות" איז א תוצאה פון חסרון אין בטחון. ער האט מורא אז טאמער וועט ער געבן צדקה וועט ער בלייבן אן געלט, דערפאר ווען דער מענטש עפנט זיין הארץ זאל ער טיילן צדקה מיט א ברייטע האנט, און ער חזר'ט זיך איין אז פון העלפן א צווייטן קען מען נישט ערלייגן, און פאר פרנסה האט ער נישט וואס צו דאגה'ן און ער לאזט דאס פאר'ן באשעפער, דאס איז די שטערקסטע וועג ווי אזוי אמת'דיג קונה צו זיין די מדת הבטחון.

אזוי אויך זאל ער קיינמאל נישט מוותר זיין פון קביעות עתים לתורה, ווייל ער ווייסט דאך אז דער באשעפער איז דאר וואס געבט פרנסה, און ער וויל אז מען זאל ח"ו נישט צושטערן קיין קביעות עתים פון לערנען. אז א מענטש פירט זיך אויף דעם וועג פאר א לענגערע צייט, וועט ער זיכער אנקומען צו קענען לעבן מיט אן אמת'ע בטחון.

אבער א מענטש זאל נישט ווערן צובראכן אויב ער זעט אז ער האט אנגעפאנגען צו ארבעטן און ער איז נאכנישט אנגעקומען, ווייל דער מענטש דארף זיך אסאך פלאגן און שטארקן איינמאל און נאכאמאל, ביז מען זעהט פון הימל אז ער מיינט עס מיטן גאנצן אמת, דעמאלט איז ער זוכה צו באקומען הילף פון הימל און ער וועט זיך פילן ממש ווי א נייער מענשט, עס וועט איהם ווערן ליכטיג און זיס דאס לעבן.